76 ב 197

# ייִדן און די
# פֿאָטערלאַנד-מילכאָמע

אָגיז

מעלוכע-פֿאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע 1941

1097

Д. Бергельсон.

ЕВРЕИ И ОТЕЧЕСТВЕННАЯ ВОЙНА

На еврейском языке.

Редактор *Б. Гольденберг.*
Подписано к печати 10-VII 41 г. А—40487
Тираж 20.000. 0,75 п. л. 0,8 уч. изд. листа.
Цена 10 коп. Зак. 456.

17-я фабрика национальной книги Огиза РСФСР треста „Полиграфкнига". Москва, Шлюзовая наб., 10.

100:

76 S 197

# פאשיסטנ — די סאמע פארביסענע מערדער אונ רויבער!

דער צעיושעטער מערדערישער פאשיזמ האָט אופגע=
הויבנ זײַנ רעציכעדיקע האנט אפ אונדזער גרויסנ פאָטער=
לאנד. מיט דעמ האָט ער דערקלערט א מילכאָמע אַלע
באפרײַטע פעלקער, וואָס אפ דער טעריטאָריע פונ אונ=
דזער סאָוועטישנ לאנד לעבנ זיי שוינ אָט פיר אונ צוואַנ=
ציק יאָר בעשאָלעמ, ווי איינ גרויסע ברידערלעכע מישפּאָ=
כע, אונ צעטיילנ צווישנ זיכ מיטנ גרעסטנ יוישער סײַ די
טאָגטעגלעכע פראצע סײַ די פארדינסטנ, וואָס די דאָזיקע
פראצע טראָגט ארײַנ דעמ לאנד.

די פאשיסטנ, וואָס זײַנענ דורכ אונ דורכ רויבער אונ
פארברעכער, האָבנ פאר די לעצטע פאָר יאָר באנומענ
ביזנ לעצטנ העמד אַלע פעלקער אינ די לענדער טשעכאָ=

סלאָוואקיע, פוילנ, בעלגיע, האָלאנד, פראנקרײַכ, דאניע, נאָרוועגיע, באָלגאריע, רומיניע, ווענגריע, יוגאָסלאוויע אונ גריכנלאנד. בא די אלע אויסגערעכנטע פעלקער האָבנ זיי צוגענומענ דעם לעצטנ ביסנ פונעם מויל. טאטעס, זינ אונ טעכטער האָבנ זיי אָפּגעריסנ פונ זייער היים אונ זיי פאר־טריבנ צו זיכ אינ פאשיסטישנ לאנד אפ קאטאָרזשנער ארבעט, אונ די פאמיליעס — זקיינים, אלטע פרויענ אונ קינדער — האָבנ זיי געלאָזט לעכצנ נאָכ א ברעקל ברויט אונ אויסשטארבנ פונ הונגער, אויספרירנ פונ קעלט אונ אומקומענ פונ אלע קרענק, וואָס קומענ פונ הונגער אונ פונ נויט. אזוי טוענ זיי סײַ מיט יענע פעלקער, וואָס זיי האָבנ אײַנגענומענ, סײַ מיט יענע פעלקער, וואָס האָבנ זיכ אָנ א מינדסטנ ווידערשטאנד זיי אונטערגעגעבנ.

פאר די פאשיסטנ, וואָס זײַנענ דורכ אונ דורכ רויבער אונ פארברעכער, איז אָבער נאָכ ווייניק, וואָס זיי האָבנ, ווי אמאָל די וואלד־גאזלאָנים אונ די יאם־גאזלאָנים, זיכ געמאכט א פארנאָסע פונ דער סאמע נידעריקסטער גזיי־לע אונ רעציכע. זיי האָבנ דערופ נאָכ קלוימערשט אויס־געקלערט אנ אומפארשעמטנ פינצטערנ טערעצ. זיי מעגנ, אזוי זאָגנ זיי, אלעמענ בארויבנ, אויסקוילענ, אויסהונגערנ אונ פארפײַניקנ, ווײַל זיי זײַנענ אויסדערוויילטע מענטשנ אונ רופנ זיכ „אריער“.

דער דאָזיקער גאנצער „ייִכעס“, מישטיינסגעזאָגט, נעמט זיכ דערפונ, וואָס מיטנ נאָמענ „אריער“ האָבנ אינ די אלטע צײַטנ זיכ גערופנ אייניקע אינדאָ־איראָפּיִישע

פעלקער, וואָס האָבנ פאַרקנעכטעט צו זיכ אַנדערע פאַרשיידענע פעלקער, אונ טאַקע דערפאַר זיכ אַליינ געקרוינט מיטנ נאָמענ „אַריער“, וואָס איז די טײַטש: אַ לײַטישער, אַ בעקאָוועדיקער. די פאַשיסטנ האָבנ, הייסט עס, ווי מע זאָגט, „איבערגעקערט דעמ פעלצ“. אַ לײַטישער אונ בעקאָוועדיקער מענטש הייסט בײַ זיי ניט דער, וואָס העלפט דעמ צווייטנ, נאָר דער, וואָס פאָרט אפנ אַנדערנ רײַטנדיק, שלאָגט אימ, דערנידעריקט אימ אונ נעמט בײַ אימ צו אַלצ, צו וואָס אַנ אָרנטלעכער מענטש דערשלאָגט זיכ מיט זײַנ אייגענער פראַצע.

אַזוי פירנ זיכ די פאַשיסטנ אָנ אויסנאַמ מיט אַלע מענטשנ פונ אַלע פעלקער, וועלכע זיי מאַכנ פאַר זייערע קנעכט. ווער עס איז ניט פונ זייער אַרישנ שטאַמ, יענעמ טרעטנ זיי מיט די פיס.

## ווי באַגייענ זיכ די פאַשיסטנ מיט ייִדנ

מיליאָנ מאָל ערגער באַגייענ זיכ די פאַשיסטנ מיט ייִדנ. ייִדנ זײַנענ פאַר זיי דאָס קאַפּאָרע-הינדל, די לעצטע נידעריקע באַשעפעניש. אָנטאָנ צאָרעס דעמ ייִדנ, באַראַבעווענ אימ, באַשפײַענ אימ אונ אויסצאַפּנ פונ אימ זײַנ בלוט אַ טראָפּנ נאָכ אַ טראָפּנ — דאָס איז בײַ זיי אַ מינ קאָמפּאָט, מיט וועלכנ זיי פאַרבײַסנ שטענדיק, ווענ זיי נעמענ זיכ צו אַ רויבערײַ אונ נאָכ דעמ, ווי זיי האָבנ די רויבערײַ אָפּגעטאָנ. אומעטומ, סײַ בײַ זיכ אינ לאַנד סײַ אינ

די פרעמדע לענדער, אינ וועלכע זיי רײַסנ זיכ ארײַנ, פירנ זיי מיט די ייִדנ א באזונדערנ כעזשבנ. ניט די גאנצע ייִדישע באפעלקערונג הארגענענ זיי מיטאמאָל אװעק. ניט אלע פארברענענ זיי באלד אינ פײַער, ווי דאָס האָט אמאָל געטאָנ די אינקוויזיציע, וואָס איז געווענ א שפילכל אקעגנ זיי. ניט אלע קוילענ זיי אויס מיטאמאָל, ווי דאָס האָבנ געטאָנ אינ די יאָרנ 1918—1920 פעטליורעס אונ דעניקינס באנדיטנ, — א סאכ ערגער טוענ זיי. אינ יעדער נײַ פארכאפּטער שטאָט הארגענענ זיי אויס א טייל פונ דער ייִדישער באפעלקערונג דורכ גרויסע מוקעס אונ לײַדנ, וואָס זײַנענ טויזנט מאָל ערגער, ווי דער טויט, אונ הענגענ זיי נאָכדעם אויס אינ גאס — אונ א טייל ייִדנ לאָזנ זיי איבער, קעדיי צו האָבנ אפ וועמענ צו איזדיע-קעווענ זיכ אונ צו שעפנ דערפונ זייער ווילדנ ראָציכישנ נאכעס. נישטאָ גאָר קיינ ווערטער פאר די צאָרעס, ווײ-טיקנ, יעסורים אונ פײַנ, וואָס א ייִד האָט אויסצושטיינ, ווענ ער פאלט ארײַנ צו היטלערס פאשיסטנ אינ די הענט. דעם מענטשנס פאנטאזיע איז צו קליינ אפ אויסצומאָלנ זיכ די אכזאָרישע מײַסים, וואָס זיי טראכטנ אויס. האָ-מענ איז געווענ א הונט אקעגנ זיי. ס'איז גענוג צו וויסנ, אז היטלער האָט שוינ ניט איינ מאָל אָפנ געזאָגט:

„ווער קענ מיר פארווערנ אומצוברענגענ מיליאָנענ מענטשנ פונ דער נידעריקער ראסע, וואָס פארמערנ זיכ, ווי די אינזעקטנ (ווי לײַז, ווי וואנצנ)?“ דאָס מיינט ער אינ דער ערשטער ריי ייִדנ.

די דאָזיקע וויסטע און פינצטערע ווערטער זײַנע פירט ער אויס אומעטום אינ יעדנ לאנד, וואָס ער פארכאפט און טרעפט דאָרט ייִדנ. אפ קיינעמ דערבארעמט ער זיכ ניט. און קיינער איז בא אימ ניט קיינ אויסנאמ. ער רא-בעוועט, קוילעט און פײַניקט, ער פארברענט און פארמא-טערט יונג און אלט, פרויענ און קינדער, און איזדיעקע-וועט זיכ באזונדערס שטארק איבער יענע, וואָס בעטנ בא אימ ראכמאָנעס האָבנ. ער באשפײַט דאָס פינטעלע מענטש און מונטערט אופ אלערליי מערדער, וואָס ראבעווענ, קוי-לענ, ברענענ, פארגוואלטיקנ און ווילדעווענ.

און אָט דער דאָזיקער שרעקלעכער וועלט-מערדער האָט איצט מיט זײַנע פאָלקנ און דיוויזיעס אָנגעהויבנ א מילכאָמע אפ לעבנ און אפ טויט קעגנ אונדזער גרויס און ליב פאָטערלאנד, קעגנ א לאנד, ווו אלע פעלקער האָבנ גלײַכע רעכט אפ ארבעט און אפ געניסנ פונ לעבנ, א לאנד, ווו אלע מענטשנ, פונ וואָס פאר א נאציע זיי זאָלנ ניט זײַנ, זײַנענ אלצייִנס טײַער און אלצייִנס דערהויבנ.

פאר א ייִדנ אינ אונדזער הייליקנ פאָטערלאנד קאָנ דעריבער גאָר קיינ פראגע ניט זײַנ, אז ער דארפ זיכ באלד שטעלנ אינ די ערשטע רייענ אפ צו באשיצנ מיט זײַנ לעבנ דאָס היימלאנד, וואָס האָט אימ און זײַנע קינ-דער דערהויבנ פונ קנעכטשאפט צו פרײַהײַט באגלײַכ מיט אלע בירגער און האָט אימ ארײַנגענומענ אינ דער מיש-פאָכע פונ די 150 סאָוועטישע פעלקער, ווי א גלײַכנ צווישנ גלײַכע. יעדערער פונ אונדז דארפ געדענקענ, וואָס

איז ווערט זײַן לעבן, אויב ער פאלט ארײַן צו די מערדערישע פאשיסטן אין די הענט, — ס'איז א לעבן, אנטקעגן וועלכן דער טויט איז מאמעש א ליכטיקער גאניידן.

פון דער אנדערער זײַט, דארפ יעדערער פון אונדז געדענקען, ווי גליקלעכ מיר, סאָוועטישע יידן, זײַנען אין פארגלײַכ מיט יידן אין די לענדער, וואָס דער פאשיזם האָט פארכאפט. דאָ לוינט כאָטש אינקורצן זיכ אָפּגעבן א כעזשבן פונעם גוטס, וואָס יידן געניסן באנגלײַכ מיט אלע באפרײַטע פעלקער אין אונדזער עכט-יוישערדיקן פאָטערלאנד אין פארלויפ פון די 24 יאָר ראטנמאכט, און אויכ פונעם גוטס, וואָס אונדז שטייט פאָר אין אונדזער לאנד באנגלײַכ מיט אלע סאָוועטישע פעלקער צו געניסן.

## דערמאָנט זיכ דעם פינצטערן נעכטן!..

בלעטערט דורכ די יידישע געשיכטע פון אָנהייב ביזן סאָפ. דאָס איז א געשיכטע, וואָס האָט צו דערציילן בלויז וועגן צאָרעס, וואָס זײַנען גרעסער איינע פון די אנדערע. פּאָגראָמען, שכיטעס און גערושים — אָט וועגן וואָס איר לייענט אפ יעדער זײַט פון דער יידישער געשיכטע. נישטאָ גאָר קיין איין לאנד, נישטאָ גאָר קיין איין טייל פון דער וועלט, וואָס יידן זאָלן דאָרט אוועקשטעלן א פוס און מע זאָל זיי דאָרט ניט האָבן באשפּיגן, בארויבעוועט, געקוילעט און צום סאָפ ארויסגעטריבן. אזוי איז געווען מיט זיי אין רוים, באלד ווי זיי האָבן אָנגעווירן זייער

אומאָפהענגיקײַט, אונ אזוי איז געווענ מיט זיי נאָכדעם אינ אלעקסאנדריע, אינ גריכנלאנד אונ אינ גאנצ איטאליע, ווו זיי האָבנ געפרוווט זיכ באזעצנ. אזוי איז געווענ מיט זיי אינ די מאכמעדאנישע לענדער אינ אזיע, אפריקע אונ אינ טערקײַ, ווו זיי האָבנ געפרוווט צו זוכנ פאר זיכ א ווינקעלע. אזוי איז אויכ געווענ מיט זיי שפעטער אינ פראנקרײַכ, דײַטשלאנד אונ אווסטריע, וווהינ זיי האָבנ געפרוווט אנטלויפנ. אזוי איז מיט זיי אויכ געווענ אינ שפאניע, ווו מע האָט זיי געברענט אפנ שײַטערהויפנ, זיי געקוילעט, זיי באראבעוועט אונ זיי ארויסגעטריבנ. דאָס אייגענע איז געווענ אפ די אינדזלענ סיציליע, קרים אונ קיפר, ווו ייִדנ האָבנ געפרוווט זוכנ פאר זיכ א באהעלטעניש.

ניטאָ גאָר דאָס ווינקעלע אפ דער גאָרער וועלט, וווהינ ייִדישע גרעסערע אָדער קלענערע מאסנ האָבנ זיכ נִיט געוואָרפנ מיט דער האָפענונג, אז מע וועט זיי דאָרט לאָזנ אָפעטעמענ, אונ האָבנ דאָרט פאר זייער האָפענונג ניט ביטער באצאָלט. דאָ מעג מענ אויכ דערמאָנענ, וואָס ייִדישע מאסנ האָבנ געהאט אויסצושטיינ אינ די לעצטע פאָר הונדערט יאָר אינ געוועזענעם צארישנ רוסלאנד. אינ זיקאָרנ איז נאָכ פריש די „טשערטא אָסעדלאָסטי“, פונ וועלכער דער ייִדישער מאסנ-מענטש האָט ניט געטאָרט ארויסשטעלנ די נאָז. צוגויפגעדריקט אינ די קליינע שטעטלעכ פונ נעצייילטע גובערניעם, האָבנ ייִדישע מאסנ געקאָנט זיכ באשעפטיקנ נאָר מיט געצייילטע מעלאָכעם, מיט בידנע אָרעמע קרעמלעכ אונ מיט שטעלעכלעכ מיט סכוי-

דע פאר גראָשנס. זיי האָבנ ניט געטאָרט פארנעמענ זיכ
מיט באַארבעטנ ערד, ניט געטאָרט אפילע נעכטיקנ אוי-
פער די גרענעצנ פונ דער קלייענער שטאָט אָדער שטעטל.
זיי האָט מענ ניט צוגעלאָזט צו קיינ שום שטעלעס אינ
די „אוטשרעזשדעניעס“. א סלוזשעשטשע צי אנ ארבע-
טער האָט א ייִד געקאָנט זיינ נאָר בא א צווייטנ ייִדנ,
א מער פארמעגלעכנ פונ אימ. א גרויסער טייל ייִדנ איז
דעריבער געווענ געצווּונגענ צו לעבנ פונ דער לופט, ארומ-
פאָרנ א גאנצע וואָכ פונ איינ שטעטל אינ אנדערנ אפ די
יארידימ. אמאָל האָט ער פארדינט אפנ יאריד א בידנעמ
האלבנ רובל אונ אמאָל דערלייגט די הויצאָעס אפ דער
פור. די קינדער האָט מענ בא ייִדנ גענומענ פאר סאָל-
דאטנ אונ אינ די מילכאָמעס לויט א גרעסערנ פראָצענט,
ווי די קינדער פונ ניט-ייִדנ, נאָר דערדינענ זיכ אינ
פאָלק אפילע צומ סאמע קלענסטנ טשינ האָט דער ייִד
ניט געקאָנט, ווי ער זאָל זיכ אפ דער „סלוזשבע“ ניט
געווענ סטארענ אונ זיכ אויסצייכענענ מיט איבערגעגעבנ-
קייט אונ מיט קענענ אויסגעצייכנט אלצ, וואָס א סאָל-
דאט האָט באדארפט קענענ. אונ אז ער האָט זיכ קאָשער
אויסגעדינט אונ האָט זיכ אומגעקערט אהיימ, איז אימ
פארגעשטאנענ באנייעמ אָפּצובידעווענ א לעבנ אונ ליידנ
אלע באגרענעצונגענ, וואָס זיינע ייִדישע עלטערנ האָבנ
געליטנ. זיינע קינדער האָט מענ ניט צוגענומענ אינ קיינ
שום שקאָלעס, ווייל ער איז א ייִד אונ נאָכ אנ אָרע-
מער דערצו, אונ ניט ארויסגעזוענ האָט ער קיינ שום

טאכלעס ניט פֿאר זיי און ניט פֿאר זיך. אפֿילו אז ער האָט געהאט א מעלאָכע אין די הענט און איז געווען א שנײַדער, א שוסטער, א סטאָליער, א קירזשנער צי א שמיד, האָט ער ניט געטאָרט זוכן ארבעט דאָרט, וווּ זײַן ארבעט איז געווען נייטיק. ער איז ווי יעדער ייִד געווען צוגעבונדן צום שטעטל, וווּ ייִדן מיט אזוינע מעלאָכעס, ווי זײַנע, זײַנען געווען צופֿיל, און אלע זײַנען זיי געזעסן גאנצע כאדאָשים אָן א שטאָך ארבעט און האָבן קוים-קוים דערנערט זיך און זייערע פֿאמיליעס.

אזא איז געווען דער גוירל פֿונעם מאסן-ייִדן אין רוסלאנד אינעם צארס צײַטן. דער ייִד האָט קוים געזשיפֿעט, ער האָט געדארט פֿון טאָג צו טאָג, די ברוסט איז בײַ אים אײַנגעפֿאלן, די פּלייצע האָט זיך אײַנגעהויקערט, די מוסקולן זײַנען אָפּגעשוואכט געוואָרן און האָבן זיך נאָכגעלאָזן. פֿון לעבן אין ענגשאפֿט און אין נויט זײַנען בײַ אים די קינדער מערסטנטייל געווען ראכיטנע, לונגען-קראנקע און זײַנען יונגערהייט געשטאָרבן. פֿון ניט פֿאר-מאָגן צו באצאָלן דעם דאָקטער אָדער דעם פֿעלדשער, וועלכן מע האָט באדארפֿט צו דער צײַט רופֿן, האָט בײַ אים שטענדיק עמעצער געקרענקט, און ניט געווען איז די שטוב פֿונעם געמיינעם ייִדן, וווּ איר האָט צו יעדער צײַט ניט געקאָנט טרעפֿן אין בעט א קראנקע מאמע, א קראנק ווײַב, א טשאכאָטעטשנע מיידל, א ראכיטנע אָדער האלב-געליימט קינד.

דאָס אלץ איז געווען מיט ייִדישע מאסן אין די גע-

וויינלעכע רויִקע צײַטנ. עס זײַנענ אָבער קיינמאָל ניט גע-
ווענ קיינ עטלעכע יאָר נאָכאנאנד, אז די ייִדישע מאסנ
זאָלנ ניט. דערפֿילנ דעם טאם פֿונ פֿארגוואלדעוועט ווערנ
אויכ פֿונ פּאָגראָמענ און שכיטעס, וואָס דעם צארס-טשי-
נאָווניקעס האָבנ געמאכט, קעדיי אָפּצופֿירנ פֿונ זיכ דעם
צאָרנ פֿונ די אויפֿגעבראכטע מאסנ. דערמאָנט זיכ אינ
פּעטליוּרעס און דעניקינס שכיטעס! דערמאָנט זיכ אינ דער
אכזאָריעס פֿונ באלאכאָוויטשעס באנדע, פֿונעם באנדיט
מאכנאָ און פֿונ אנדערע אטאמאנענ באנדיטנ! דער-
מאָנט זיכ אינ די הונדערטער און טויזנטער ייִדנ, וואָס
די דאָזיקע מערדערס האָבנ צונויפֿגענומענ אפֿ איינ אָרט
און האָבנ זיי לעבעדיקערהייט פֿארברענט. דערמאָנט זיכ
אינ די ייִדישע הארוגים, וואָס זייערע קעפּ האָבנ זיכ גע-
וואלגערט אינ איינ עק גאס און זייערע קערפּערס זײַנענ
גאנצע מעסלעסנ געלעגנ אינ אנדערנ עק גאס! דערמאָנט
זיכ אינ די געשאָכטענע קינדער, וואָס זײַנענ געהארגעט
געוואָרנ בא די מוטערס אינ שויס, דערמאָנט זיכ אינ
אָפּגעשניטענע ברוסטנ, אויסגעשטאָכענע אויגנ און אינ
אלע אנדערע איבערגעלעבטע צאָרעס, אומגליקנ און פּײַנ!

דערמאָנט זיכ אינ דעם אלעם און געדענקט עס, ווײַל
מע טאָר עס ניט פֿארגעסנ, באזונדערס איצט, ווענ היטלער
האָט אויפֿגעהויבנ זײַנ כאלעפּ אפֿ דער גאנצער וועלט און
אינ דער ערשטער ריי אפֿ ייִדנ.

# געדענקט, אז די סאָוועטנ־מאכט האָט אונדז געמאכט מיט לײַטנ גלײַכ!

געדענקט אָבער אויכ, אז פונ אלע אומגליקנ, וואָס זײַנענ דאָ אויסגערעכנט, האָט אונדז געראטעוועט די סאָוועטנ-מאכט, און נאָר די סאָוועטנ-מאכט. נאָר א דאנק אונדזער סאָוועטנ-מאכט, וואָס איז פול מיט עמעסער ליבע צו יעדנ ארבעטנדיקנ און אָרנטלעכנ מענטשנ, פונ וועלכנ פאָלק און פונ וועלכער נאציע ער זאָל ניט שטאמענ, זײַנענ מיר פּאָטער געוואָרנ פונ פּאָגראָמענ, שכיטעס און פונ דער גאנצער וויסטער און פינצטערער לאגע, אינ וועלכער ייִדנ האָבנ אינעמ צארס צײַטנ זיכ געפונענ.

עס איז גאָר ניט אויסצורעכענענ דאָס גוטס, וואָס בײַ אונדז אינ גרויסנ סאָוועטישנ פאָטערלאנד איז געטאָנ געוואָרנ מיט ייִדנ, וועלכע זײַנענ אויסגעגלײַכט געוואָרנ מיט אלע און האָבנ געקראָגנ אלע מענטשלעכע רעכט מיט לײַטנ גלײַכ. ייִדישע קינדער זײַנענ צוגלײַכ מיט די קינדער פונ אלע אנדערע פעלקער ארבעטער אינ די זאוואָדנ און פאבריקנ, וואָס זײַנענ דער שטאָלצ פונ אונדזער לאנד און שעמענ אפ דער גאנצער וועלט. אינ ניקאָלײַעווער געגנט, אינ דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנט, אינ קרימ און אינ ביראָבידזשאנ בליִענ די ייִדישע קאָלכאָזנ צוגלײַכ מיט די קאָלכאָזנ פונ די רוסנ, אוקראיִנער און טאָטערנ און פארנעמענ צוגלײַכ מיט זיי דעמ אויבנאָנ אפ דער לאנדווירטשאפטלעכער אויסשטעלונג.

ייִדנ סטאכאנאָווצעס שעמענ אינ לאנד גלײַכ מיט די סטאכאנאָווצעס פונ אנדערע פעלקער אונ ווערנ אויסגעקליבנ צוגלײַכ מיט זיי פאר דעפּוטאטנ פונ אויבער-ראט.

צוזאמענ מיט אקאדעמיקער פונ אלע סאָוועטישע פעלקער פירנ דאָס לאנד פאָרויס צו נײַער טעכניק, צו נײַער קולטור אונ צו נײַעם וויסנ אויכ ייִדנ אקאדעמיקער.

אונ וואָס איז וויכטיקער פונ אלצ — אונדזערע בעסטע קינדער דינענ צוגלײַכ מיט די בעסטע קינדער פונ אלע סאָוועטישע פעלקער אינ אונדזער גרויסער רומפולער רויטער ארמיי אונ פארדינענ צוגלײַכ מיט זיי דעם נאָמענ העלד פאר זייער גרויסער איבערגעגעבנקײַט צומ היימלאנד.

ייִדנ האָבנ געגעבנ דער רויטער ארמיי אזוינע געטרײַע בארימטע מענטשנ, ווי סמושקעוויטש, מאָשקאָווסקי, שטערנ אונ פיל אנדערע איבערגעגעבענע אונ טײַערע זינ, כאָשעווע אינ דער ארמיי אונ כאָשעווע באמ גאנצנ פאָטערלאנד.

אינ יעדנ מאָמענט, ווענ אונדזער פאָטערלאנד איז פאָרגעשטאנענ א וועלכע-ניט-איז געפאר, האָבנ די בעסטע פונ די ייִדישע טאטעס פונעמ עלטערנ דאָר אינײנעם מיט זייערע קינדער זיכ געשטעלט אפ דער וואכ אונ האָבנ באשיצט אונדזערע גרענעצנ מיט דער פולער גרייטקײַט אָפּצוגעבנ דעם לעצטנ אָטעמ פאר יעדער אייל פונ אונדזער הייליקער ערד. עס איז דאָ קעדײַ צו דערמאָנענ דעם מאלנער פּעלצנמאכער אווראָמ טשודאק: ווי נאָר אָט דער

אלטער ייִדישער פֿעלצנמאַכער האָט זיך דערוווּסט, אַז זײַנע עלטערער זון דער מאַיאָר איז געפֿאַלן ווי אַ העלד באַם גרויסן זיג לעבן באַלכינ-נאָל, האָט ער גלײַך אַוועקגעשיקט אין דער רויטער אַרמיי זײַן צווייטן קלענערן זון. און אַזוינע מאַטעס פֿאַטריאָטן האָבן זיך צווישן ייִדישע מאַסן געפֿונען ניט ווייניק.

די דאָזיקע מאַטעס האָבן אַליין איבערגעלעבט די צאָרעס, פֿאָגראָמען, שכיטעס, וואָס די צאַרישע מאַליאָנים און קאָלערלייַ באַנדיטן האָבן געמאַכט קעגן ייִדן. די דאָזיקע מאַטעס ווייסן דעריבער ווי הויך צו שעצן די סאָוועטן-מאַכט, וואָס האָט זיי פֿון אָט די אַלע צאָרעס באַפֿרײַט.

פֿון די דאָזיקע מאַטעס דאַרף זיך נעמען אַ בײַשפּיל יעדער ייִדישער פֿאָטער און יעדע ייִדישע מאַמע, קעדיי צו וויסן, וואָס האָבן זיי צו טאָן איצט, אין די דאָזיקע פֿאַרכטיקע טעג, ווען דער גרעסטער וועלט-מערדער היטלער האָט אויפֿגעהויבן זײַנע פֿאַרבלוטיקטע לאַפּעס אויף אונדזער גרויסן פֿאָטערלאַנד.

## וואָס וויל ער, דער בלוטיקער היטלער

ער וויל פֿאַרניכטן דאָס סאָוועטן-לאַנד, פֿאַרקנעכטן און באַראַבעווען דאָס גאַנצע סאָוועטישע פֿאָלק. „ער שטעלט זיך אַ ציל אויפֿצושטעלן די מאַכט פֿון די פּריצים, אויפֿצושטעלן דעם צאַריזם, באַרעוו מאַכן די נאַציאָנאַלע קולטורן און די נאַציאָנאַלע מעלוכעשאַפֿט פֿון די

רוסן, אוקראַינער, ווײַסרוסן, ליטווינער, לעטן, עסטן, אוזבעקן, טאָטערן, מאָלדאַוואַנער, גרוזינער, ארמענער, אזערבײַדזשאַנער און פון אנדערע פעלקער" (סטאַלין).

פאַרײנוועגס וויל ער אויספילן זײַן פינצטערן און וויסטן פּלאַן אומצוברענגען אַלע ייִדן, אַלט און יונג, מאַנצבלען און פרויען. ער באַרימט זיך יעדן טאָג, אַז אין זייער א קורצער צײַט וועט ער מאַכן אַזוי, אַז עס זאָל ניט בלײַבן מער קיין ייִד אַפ דער גאַנצער וועלט. וועמען ער וועט ניט טייטן מיט דער ביקס אָדער אויפהענגען אַפ א שטריק אין גאַס, יענעם וועט ער אומברענגען מיט הונגער, מיט קעלט, מיט נויט און מיט קאַטערזשנער ארבעט, ווי ער טוט עס מיט די ייִדן אין פוילן און אין אַלע אַנדערע פאַרכאַפּטע לענדער. א טייל קוילעט ער אויס און טייט אַוועק דורך די גרעסטע מוקעס באַלד, ווי ער קומט אַרײַן אין א שטאָט; א טייל פאַרשיקט ער אַפ אייביקער קאַטאָרגע, און די איבעריקע פאַרשפּאַרט ער אין די ערגסטע גאַסן, באַפוילט זיי, זיי זאָלן טראָגן שאַנד-צייכנס אַפ די ארבל און אַפן רוקן, און לאָזט ניט צו צו זיי קיין שום פּראָדוקטן, קעדיי זיי זאָלן דאָרט אויסשטאַרבן פון הונגער, פון קעלט און פון פאַרשיידענע קרענק. נאָר דאָס איז אים נאָך ווייניק. בא יענעם ביסל ייִדן, וואָס ער לאָזט לעבן, נעמט ער צו די מיידלעך אין די שאַנד-הײַזער פאַר זײַנע פאַשיסטישע סאָלדאַטן, און אַלע ייִנגלעך הייסט ער זיך ברענגען און מאַכט זיי אָפּעראַציעס, זיי זאָלן ניט קאָנען האָבן קיין קינדער.

אײנײנעם מיט זײַנע צעװילדעװעטע פֿאַשיסטישע פֿאָלקנ פֿירט ער מיט זיכ די אַמאָליקע פּעטליוראָװצעס, דעניקינצעס און אַנדערע בעלאָגװאַרדײצעס, װאָס האָבנ אינ די יאָרנ 1918—1920 אױסגעקױלעט הונדערטער טױזנטער ייִדנ און זײַנענ נאָכדעמ אַנטלאָפֿנ קײנ פּױלנ און אינ אַנדערע לענדער. אינ די בלוטיקע הענט פֿונ די דאָזיקע װילדע באַנדעס גיט ער איבער די ייִדנ אינ יעדער שטאָט באַלד, װי ער קומט אינ איר אַרײַנ, און הײסט די דאָזיקע באַנדעס זיכ צונױפֿרײדנ מיט אַלע פֿינצטערע פּאָגראָמשטשיקעס און אַנטיסעמיטנ, װאָס זײַנענ נאָכ פֿאַרבליבנ אױסבאַהאַלטנ ערגעץ אינ די לעכער.

## ניט מיט קרעכצנ, נאָר מיט געװער אינ די הענט!

װאָס זשע בלײַבט צו טאָנ יעדנ באַפֿרײַטנ סאָװעטישנ ייִדנ איצט, אינ דער צײַט, װענ אײנגאַנצנ דאָס צװײ-הונדערטמיליאָניקע סאָװעטישע פֿאָלק פֿירט אַ הײליקע מילכאָמע פֿאַרנ פֿאָטערלאַנד און גורט אָנ אַלע קױכעס אַפּ בײַצוקומענ, אומצוברענגענ און אַפּ אײביק פֿאַרניכטנ דעמ ראָזיקנ צעיושעטנ װעלט-מערדער מיט זײַנע פֿאַשיסטישע פֿאָלקנ?

אַלע ייִדנ — מאַנצבילענ, פֿרױענ, זינ און טעכטער אײנײנעמ מיט טאַטעס און מאַמעס — טאָרנ ניט פֿאַרשפּעטיקנ קײנ אײנ מינוט און אַלע װי אײנער זיכ שטעלנ

צו דינסט פון אונדזער רומפולער רויטער ארמיי און פון אינדזער הייליק פאטערלאנד. ניט מיט קרעכצן, ניט מיט וויינען און ניט מיט בעטן קאן מען איצט געהאלפן ווערן, נאר מיט דעם, וואס יעדערער פון אונדז וועט מיטן גרעסטן מעסירעסנעפעש, ניט שאנעוועדיק אף קיין האר זיינע קויכעס און זיין לעבן, אויספילן די גייטיקע און נוצלעכע ארבעט אין די רייען פון דער רויטער ארמיי און אויך אין טיל, קעדיי צו פארשטארקן די גרויסע קראפט פון אונדזער פאטערלאנד קעגן דעם בלוטיקן, פינצטערן און רעציכעדיקן סוינע.

וואס איז ווערט דאס לעבן פון א ייִדן, וואס פאלט ארויין צו היטלערן אין די הענט? מיר האבן עס ניט וואס צו שאנעווען. ניט נאר בענטשן דארף יעדער מאמע איר זון, וואס גייט אוועק זיך שטעלן אין די געשלאסענע רייען פון דער רויטער ארמיי, נאר זי דארף אים אליין שיקן אהין און שטארקן זיין הארץ, ווי דאס האבן געטאן די העלדישע ייִדישע מאמעס נאך גאר אמאל, ווען ייִדן האבן באשיצט זייער זעלבשטענדיקייט און זייער קאוועד. אויב די מאמע פונעם ייִדישן רויטארמייער איז נאך ניט אלט און קאן נאך ברענגען נוצן אין שלאכט, דארף זי גיין אינאיינעם מיט איר זון פאר א שוועסטער אין דער רוי־טער ארמיי. אינאיינעם מיט די בעסטע און איבערגעגעבנ־סטע מענטשן אין יעדער שטאט און אין יעדער שטעטל דארפן מיר צוזאמען מיט די בעסטע זין פון לאנד זיין די ערשטע אין די רייען בא יעדן רוף פון דער פארטיי

און פונעם מעלוכישן אָבאָראָנע־קאָמיטעט. מיר דאַרפֿן זײַן אײנײנעם מיט די ערשטע באַ אַלע מאָביליזאַציעס, סײַ באַ יענע, וואָס האָבן אַ שײַכעס צום פראָנט, סײַ באַ יענע, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער אַרבעט פֿאַרן פראָנט און פֿאַר דער באַפעלקערונג אינווייניק אין לאַנד. מיר דאַרפֿן זײַן וואַכזאַם אָפּ אויסצוראָטן יעדן פֿאַרשטעלטן דיווערסאַנט און, ניט שאַנעוועדיק דאָס אײגענע לעבן, זיך אַרופוואַרפֿן אָפּ אים באַלד און אומעטום, ווו מיר וועלן אים דערזען. מיר דאַרפֿן אײנײנעם מיט די בעסטע מענטשן אין לאַנד האַלטן הײליק און אומעטום אויספֿירן באַוווּר סטאַלינס געבאָטן:

„אָרגאַניזירן אַן אומדאַכמאָנעסדיקן קאַמף קעגן אַלע, וואָס דעזאָרגאַניזירן דעם טיל, קעגן דעזערטירן, קעגן פּאַניקמאַכער, קעגן די, וואָס פֿאַרשפּרייטן קלאַנגען, מיר דאַרפֿן פֿאַרניכטן די שפּיאָנען, דיווערסאַנטן, דעם סוינעס פּאַראַשוטיסטן, אַרויסווײַזנדיק אין דעם אַלעם שנעלע מיטהילף אונדזערע פֿאַרניכטונגס־באַטאַליאָנען. מע דאַרף האָבן אין אויג, אַז דער סוינע איז נידערטרעכטיק־פאַלש, כיטרע און געניט אין שווינדל און אין פֿאַרשפּרייטן פֿאַלשע קלאַנגען. מע דאַרף דאָס אַלץ האָבן אין אויג און ניט אונטערגעבן זיך קײן שום פּראָוואָקאַציעס. מע דאַרף טײַקעפּ איבערגעבן צום געריכט פונעם קריגס־טריבונאַל די אַלע, — ווער דאָס זאָל ניט זײַן, — וואָס מיט זײער פּאַניקמאַכערײַ און מיט זײער ציטערן פֿאַר דער אײגענער פעל שטערן זײ דער זאַך פֿון דער אָבאָראָנע“ (סטאַלין).

# מיר האָבנ פאר וואָס צו שטעלנ אינ קאָנ אונדזער לעבנ!

העלדישקײַט פאָדערט איצט פונ יעדנ פונ אונדז אונ-דזער הײליק פאָטערלאנד, אונ העלדישקײַט האָט דאָס לאנד קאָשער פארדינט אונ האָט דאָס רעכט צו פאָדערנ עס פונ אלע בירגער אונ צווישנ זײ אויכ פונ ייִדנ. זינט ייִדנ האָבנ צוריק מיט צוויי טויזנט יאָר פארלאָרנ זײער פרײַהײַט, האָבנ זײ נאָכ קײנמאָל אונ אינ ערגעץ אזא פרײַהײַט, ווי אינעם סאָוועטנ-לאנד, ניט געהאט! זײ האָבנ דעריבער פאר וואָס צו שטעלנ אינ קאָנ זײער לעבנ!

איצט, ווענ אפ אונדזער הײליק פאָטערלאנד איז אָנגע-פאלנ דער סאמע פאלשער אונ סאמע ניִדעריקער מערדער אונ רוצייעכ, איז נישטאָ פאר קײנעם פונ אונדז קײנ רו, ביז אָט דער בלוטיקער סוינע וועט ניט ארויסגעשלײַדערט ווערנ פונ אונדזערע גרענעצנ אונ וועט ניט צעקלאפט ווערנ אפ קײנמאָל שוינ מער ניט אופצושטײנ. אלע, ווי אײנער, דארפנ מיר אומדערמידלעכ ארבעטנ אונ זיכ שלאָגנ אינײנעם מיט אונדזער העלדישער רויטער ארמײ, זיכ שלאָגנ פאר דעם, אז דער רויטער ארמײ זאָל גאָר-נישט ניט אויספעלנ. אונדז רופנ אונ שטארקנ כאווער סטאלינס ווערטער:

„כאוויירים! אונדזערע קויכעס זײַנענ אָנ א צאָל. אינ דעם וועט דער פאריסענער סוינע אײנגיכנ זיכ מוזנ אי-בערצײַגנ. אינײנעם מיט דער רויטער ארמײ הײבנ זיכ

אוף פיל טויזנטער ארבעטער, קאָלכאָזניקעס, אינטעליגענטנ אפ א מילכאָמע קעגנ אָנגעפאלענעם סוינע. עס וועלנ זיכ אופהייבנ די מיליאָניקע מאסנ פונ אונדזער פאָלק. מאָסקווער אונ לענינגראדער ארבעטנדיקע זײַנענ שוינ צוגעטראָטנ צו שאפנ א פילטויזנטיקע פאָלקס־אָפּאָלטשעניע אפ צו שטיצנ די רויטע ארמיי. אינ יעדער שטאָט, וואָס געפינט זיכ אונטער דער סאקאָנע פונעם סוינעס איבערפאל, מוזנ מיר שאפנ אזא מינ פאָלקס־אָפּאָלטשעניע, אופהייבנ צום קאמפ אלע ארבעטנדיקע, קעדיי מיט דער אײַגענער ברוסט באשיצנ אונדזער פרײַהײַט, אונדזער קאָוועד, אונדזער פאָטערלאנד — אינ אונדזער פאָטערלאנדמילכאָמע מיטנ דײַטשישנ פאשיזמ" (סטאלינ).

„אינ דער דאָזיקער באפרײַונגס־מילכאָמע וועלנ מיר ניט זײַנ עלנט. אינ דער דאָזיקער גרויסער מילכאָמע וועלנ מיר האָבנ געטרײַע פארבינדעטע אינ געשטאלט פונ די פעלקער פונ אייראָפּע אונ אמעריקע, ארײַנגערעכנט דאָס דײַטשישע פאָלק, וואָס די היטלערישע הויפּט־מאכער האָבנ עס פארקנעכטעט. אונדזער מילכאָמע פאר דער פרײַהײַט פונ אונדזער פאָטערלאנד וועט זיכ צונויפגיסנ מיטנ קאמפ פונ די פעלקער פונ אייראָפּע אונ אמעריקע פאר זייער אומאָפּהענגיקײַט, פאר די דעמאָקראטישע פרײַהײַטנ. דאָס וועט זײַנ אנ איינהײַטלעכער פראָנט פונ פעלקער, וואָס זײַנענ פאר פרײַהײַט קעגנ פארקנעכטונג אונ קעגנ דער סאקאָנע פארקנעכטעט צו ווערנ דורכ היטלערס פאשיסטישע ארמייענ" (סטאלינ).

„ניט געקוקט דערופ, וואָס דעם סוינעס בעסטע דיוויזיעס און די בעסטע טיילנ פונ זיינ אוויאציע זיינענ שוינ צעקלאפט געוואָרנ און האָבנ געפונענ פאר זיך א קייווער אפ די שלאכט-פעלדער, הערט דער סוינע ניט אוף צו קריכנ פאָרויס, ווארפנדיק אפנ פראָנט נייע קויכעס“ (סטאלינ).

נאָר אקעגנ אים האָט, ווי איינ מענטש, זיך אוועקגעשטעלט דאָס צוויי-הונדערט-מיליאָניקע פאָלק, וואָס איז דערצויגנ אפ באָלשעוויסטישער געוואגטקייט און אפ אומבאכמאָנעסדיקנ קאמפ קעגנ סוינע אינעם גייסט פונ לענינענ און סטאלינענ. בעראָש פונעם גאנצנ סאָוועטישנ פאָלק שלאָגט זיך די רומפולע רויטע ארמיי, וועמענס קראפט עס איז ניט אויסצושעפנ.

„די געוואגטקייט פונ די קריגער פונ דער רויטער ארמיי האָט צו זיך ניט קיינ ביישפיל. אונדזער אָפּשטויס דעם סוינעס פארשטארקט זיך און וואקסט, אינאיינעם מיט דער רויטער ארמיי הייבט זיך אוף צו באשיצנ דאָס פאָטערלאנד דאָס גאנצע סאָוועטישע פאָלק“ (סטאלינ).

## אונדז פירט צום זיג דער כאווער סטאלין!

און אינאיינעם מיט אלע פעלקער, וואָס האָבנ זיך אינ אונדזער היימלאנד צונויפגעגאָסנ אינ איינ גרויסער און ברידערלעכער מישפאָכע, דארפנ, ווי איינ מענטש, זיך אופהייבנ אלע סאָוועטישע יידנ. מעסירעסנעפעש פאָדערט פונ אונדז די לאגע, אינ וועלכער אונדזער פאָטערלאנד

געפינט זיכ, און מיט מעסירעסנעפעש וועלנ מיר דעמ אָפּגעבנ אלע אונדזערע קויכעס.

טראָגנדיק סטאלינס נאָמענ בא זיכ אינ הארצנ, מוז יעדערער פונ אונדז צו יעדער רעגע גרייט זײַנ אָפּצוגעבנ זײַנ לעבנ אינ דער גרויסער שלאכט, וועלכע קומט איצט פאָר צווישנ אונדזער פאָטערלאנד, וואָס איז דער שטאָלצ פונ דער וועלט, און צווישנ דעמ פינצטערנ און מערדערישנ פאשיזמ, וואָס איז די שאנד פונ דער וועלט. די מיִעסטע און נידעריקסטע קראפט פונ גזיילע און פונ רעציכע האָט ארויסגערופנ אפ א מילכאָמע די דערהויבנסטע און די רייִנסטע קראפט, און די דערהויבנסטע און רייִנסטע קראפט וועט זיגנ, ווײַל זי איז אינ אלע הינזיכטנ שטארקער און מעכטיקער פונעמ סוינע, ווײַל מיט איר פירט אָנ דער כאווער סטאלינ און ווײַל מיט סטאלינענ און פאר סטאלינענ זײַנענ די בעסטע מענטשנ אפ דער גאנצער וועלט, ארײַנגערעכנט די בעסטע מענטשנ פונ דײַטשלאנד.

מיט סטאלינס נאָמענ קומט באשיצנ אונדזער הייליק פאָטערלאנד! קומט באלד, פארשפעטיקט ניט—אפ יעדער אָרט, וווּ איר קאָנט ברענגענ נוצנ! קומט אָפּגעבנ אלע אונדזערע קויכעס פאר אונדזער גליקלעכ לעבנ אינ אונדזער ליבנ לאנד!

ס׳ארא גוט וואָרט — אונדזער פאָטערלאנד! — סע וועט זיגנ!

ס׳ארא דערהויבענער נאָמענ — סטאלינ! — ער וועט ראטעווענ די וועלט!

ד. בערגעלסאָנ

Цена 10 коп.

# ЕВРЕИ И ОТЕЧЕСТВЕННАЯ ВОЙНА

ОГИЗ
Государственное издательство „Дер Эмес"
Москва ★ 1941